**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/6/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול רופט אויף קאנגרעס צו אונטערנעמען שריט צו באשיצן אבארשען סערוויסעס**

***גאווערנער רופט פאר צוריקציה פון Hyde אמענדמענט און פאר פעדעראלע שטיצע צו העלפן אקאמאדירן פאציענטן פון אינדרויסן פון די סטעיט***

***רופט אויף סענאט אריבערצופירן די פרויען'ס געזונטהייט באשיצונג געזעץ***

***לייענט גאווערנער האקול'ס בריוו [דא]()***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט [פארעפענטליכט א בריוו]() רופנדיג אויף קאנגרעס צו אונטערנעמען שריט צו באשיצן אבארשען סערוויסעס און צוטריט צו קעיר.

"ווען ניו יארק האט לעגאליזירט אבארשען דריי יאר בעפאר דעם *Roe v. Wade* *אורטייל, האט אונזער סטעיט געדינט אלץ אח זיכערע האפן פאר די וועלכע האבן געזוכט צו באקומען* אבארשען קעיר, און מיט דעם וואס דער סופרים געריכט דראעט צו בטל מאכן Roe*, שטייען מיר גרייט נאכאמאל צו ווארעם ענטפאנגען די וועלכע זענען אין נויט",* **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך רוף אויף קאנגרעס צו אונטערנעמען באלדיגע שריט צו היטן אויף אבארשען צוטריט איבערן לאנד און פארזיכערן אז סטעיטס ווי ניו יארק האבן די נויטיגע שטיצע צו אקאמאדירן נאך פאציענטן וועלכע וועלן זיך נויטיגן אין אונזער הילף. איך בין שטאלץ צו פארזעצן ניו יארק'ס יארן לאנגע טראדיציע פון זיין אויף די סאמע פארנט פון גלייכע רעכטן און פרויען געזונטהייט. ניו יארק סטעיט איז א בלופרינט פאר צוטריט צו אבארשען, אזא בלופרינט וואס סטעיטס איבערן לאנד זאלן נאכמאכן. יעצט איז דער צייט פאר אנטשלאסענע און דרייסטע שריט צו פארזיכערן אז אבארשען בלייבט זיכער, לעגאל און צוגענגליך פאר אלע וועלכע דארפן דאס."

גאווערנער האקול'ס בריוו פאלגט נאך די ארויסליקטע דראפט פון די בעפארשטייענדע סופרים געריכט באשלוס אין דעם Dobbs v. Jackson פאל.

*לייענט די פולע בריוו אונטן:*

טייערע פירער שומער, פירער מקקאָנעל, ספיקער פעלאוסי און פירער מקקאַרטי,

אום מאי 2 האט אן ארויסגעליקטע דראפט פון די בעפארשטייענדע סופרים געריכט באשלוס אין דעם *Dobbs v. Jackson פרויען'ס געזונטהייט* פאל פלוצלינג געשטעלט אין פראגע די פרויען געזונטהייט רעכטן באשיצונגען וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך דעם *Roe v. Wade אורטייל כמעט* 50 יאר צוריק. די ערווארטעטע סופרים געריכט באשלוס וועט אוועקנעמען לעגאלע באשיצונגען פאר אבארשענס, אוועקנעמנדיג די פונדאמענטאלע מענטשן רעכטן פון פרויען און אריבערלייגנדיג די אויטאריטעט צו מאכן באשטימונגען איבער אבארשען רעכטן און פרויען'ס געזונטהייט צו די סטעיטס.

ניו יארק האט לעגאליזירט אבארשען אין 1970 — דריי יאר בעפאר דעם היסטארישן *Roe v. Wade* *באשלוס*. אין דעם צייט האט ניו יארק געדינט אלץ א זיכערע האפן פאר פרויען וועלכע האבן געזוכט קעיר, מיט געזונטהייט בעאמטע שאצנדיג אז מער פון 400,000 אבארשענס זענען דורכגעפירט געווארן אין די סטעיט אין די ערשטע צוויי יאר נאך די לעגאליזאציע, צוויי דריטל פון די האבנדיג געווען פרויען וועלכע זענען געקומען פונדרויסן פון די סטעיט. יעצט, אויב *Roe* וועט צוריקגעצויגן קענען מיר ערווארטן א העכערונג פון צום וויניגסטנס 11 ביז 13 פראצענט אין פאציענטן פונדרויסן פון די סטעט קומענדיג קיין ניו יארק פאר אבארשען קעיר. היסטאריע וועט זיך איבערחזר'ן.

איך בין שטאלץ צו פארזעצן ניו יארק'ס יארן לאנגע טראדיציע פון באשיצן פרויען'ס רעכטן און געזונטהייט, און איך שטיי גרייט פאר ניו יארק צו ווידעראמאל דינען אלץ זיכערע האפן פאר די וועלכע דארפן אבארשען קעיר. אבער מיר קענען דאס נישט טוהן אליין. איך אפלאדיר דעם ווייסן הויז פארן אריבערפירן דעם פרויען'ס געזונטהייט באשיצונג געזעץ ( Women's Health Protection Act). קומענדיגע וואך וועט די סענאט נאכאמאל איבערקוקן דעם געזעץ אין א פרואוו צו אריינשרייבן אבארשען רעכטן און די באשיצונגען פון *Roe אין געזעץ*. איך רוף אויף אייך נישט נאר צו דורכפירן דעם געזעץ און באשיצן צוטריט צו אבארשען – אזוי ווי מיר האבן שוין געטוהן אין ניו יארק – נאר אויך צו אדרעסירן אנדערע לאקערנדע שטערונגען צו צוטריט צו פרויען'ס העלט קעיר.

די קאנגרעס מוז אונטערנעמען באלדיגע שריט צו באשיצן אבארשען סערוויסעס און צוטריט צו קעיר איבערן לאנד, נעמנדיג שריט אריינרעכענענדיג אבער נישט נאר:

- **אריינשרייבן דעם *Roe v. Wade* *אורטייל אין פעדעראלע געזעץ*:** אן די באשיצונגען וועלכע זענען געשאנקען געווארן אונטער *Roe*, וועט אבארשען ווערן שווערער צו באקומען און זיך צו ערלויבן, באטרעפנדיג אומגלייכערהייט מינאריטעט פרויען, מענטשן וועלכע וואוינען אין די דרום און מיטן-מערב סטעיטס, מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט, אימיגראנטן און אנדערע וועלכע פארמעסטן זיך שוין סיי ווי מיט שוועריגקייטן צו צוקומען צו העלטקעיר און קענען מעגליך נישט גרינגערהייט אנקומען זיכערערהייט צו א זיכערע האפן ווי ניו יארק. כאטש ניו יארק בלייבט איבערגעגעבן צו באשיצן אבארשען רעכטן און צוטריט, איז עס אומאקצעפטירבאר אז די וועלכע זענען אין נויט פון אבארשען קעיר אין אנדערע סטעיטס וועלן צוריקגעוויזן ווערן זייערע רעכטן. ווי דערמאנט אויבן איז עס שוין העכסט צייט צו אריבערפירן א געזעץ פאר דאס גאנצן לאנד, ווי דער פרויען'ס געזונטהייט באשיצונג געזעץ, צו באפעסטיגן די רעכט צו צוקומען צו אבארשען סערוויסעס.
- **צוריקציהען די Hyde אמענדמענט:** פאר צענדליגע יארן האט די Hyde אמענדמענט פארמיטן פעדעראלע געלטער פון גענוצט ווערן פאר אבארשען סערוויסעס, אריינרעכענענדיג העלט אינשורענס געלטער וועלכע שטיצן נידעריגע-איינקונפט אמעריקאנער. ניו יארק איז שטאלץ צו זיין איינס פון די בלויז 15 סטעיטס צו דעקן אבארשען דורך סטעיט מעדיקעיד דאלארן. קאנגרעס מוז עלמינירן די Hyde אמענדמענט צו פארזיכערן אז קיין איין מענטש ווערט נישט צוריקגעוויזן צוטריט צו אבארשען צוליב איינקונפט אדער העלט אינשורענס פלאן.
- **צושטעלן פעדעראלע שטיצע צו זיכערע האפן סטעיטס:** ניו יארק סטעיט איז גרייט צו ענטפאנגען די וועלכע קומען פונדרויסן פון די סטעיט וועלכע זוכן אבארשען קעיר אויב דער *Roe v. Wade* וועט צוריקגעצויגן ווערן, פונקט ווי עס האט געטוהן בעפאר דער היסטארישע באשלוס איז ארויסגעגעבן געווארן. כדי ניו יארק סטעיט זאל קענען פולשטענדיג זיך אויפשטעלן און זיין אומשטאנד צו אקאמאדירן יעדן וואס דארפט קעיר, דארפן מיר באדייטנדע פעדעראלע שטיצע צו פארשטערקערן אונזער פראָווײַדער נעטווארק און אקאמאדירן די נייע פאציענטן. נאכפאלגנדיג שריט צו צוריקציהען די Hyde אמענדמענט, מוז די קאנגרעס ערמעגליכן פאר סטעיטס ווי ניו

יארק וועלכע ערווארטן אן אריינפלוס פון פאציענטן פון אנדערע סטעיטס צו באקומען פעדעראלע פינאנצירונג.

- **פאדערן סטעיטס וועלכע באקומען מעדיקעיד געלטער צו אויספאלגן FDA אנווייזונגען איבער מעדיצינישע אבארשען מעדיצינען:** אין צוזאמענהאנג מיטן צוריקציהען די Hyde אמענדמענט, זאל יעדע סטעיט וואס באקומט מעדיקעיד פינאנצירונג און וואס נעמט אנטייל אין דעם מעדיקעיד דראג צוריקצאלונג פראגראם (Medicaid drug rebate program) געפאדערט ווערן צו ערלויבן מעדיצינען ווי mifepristone, אן FDA-באשטעטיגטע דראג צו פארגעשריבן ווערן דורך 'טעלע-העלט' (העלט קעיר דורך די טעלעפאן). אזא זאך וואלט ערמעגליכט צו ארומגיין mifepristone פארשרייבונג באגרעניצונגען וועלכע זענען אוועקגעלייגט געווארן דורך סטעיטס און עפענען א וויכטיגע נייע וועג צו באקומען זיכערע און לעגאלע אבארשען סערוויסעס.
- **פארברייטערן 'טעלע-העלט' סערוויסעס:** 'טעלע-העלט' האט ארויסגעשפראצט אלץ א וויכטיגע מיטל צו דינען איינוואוינער וועלכע האבן באגרעניצטע צוטריט צו די טראדיציאנאלע העלטקעיר סיסטעם צוליב הויכע קאסטן, לאקאציע, שפראך שוועריגקייטן אדער אנדערע אורזאכן. צוטריט צו טעלע-העלט פאר פרויען געזונטהייט קעיר מוז זיין אויף דעם זעלבן שטאפל ווי אנדערע מעדיצינישע סערוויסעס. פעדעראלע געלטער מוזן געהעכערט ווערן צו העלפן אונזער פרויען העלט קעיר פראָווײדערס צו אנקומען צו אלע וועלכע דארפן קעיר, אריינרעכענענדיג פאציענטן וועלכע זוכן צו באקומען אבארשענס דורך טעלע-העלט.
- **פארזיכערן די פאראייניגטע שטאטן פאסט סערוויס'ס מעגליכקייט צו דעליווערן אבארשען מעדיצינען צו אלע סטעיטס:** אזוי ווי פילע סטעיטס ארבעטן צו אפשליסן וועגן צו באקומען זיכערע אבארשען סערוויסעס אין זייערע גרעניצן, וואקסט די פארלאנג פאר אבארשען-פאראורזאכנדע מעדיצינען דורך פאסט און דעליווערי סערוויסעס. די פאראייניגטע שטאטן פאסט סערוויס (U.S. Postal Service) איז א קריטישע שותף צו נאכקומען די יעצטיגע פארלאנג, און קאנגרעס מוז פינאנצירן אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם די פאסט סערוויס צו פארזיכערן אז פאציענטן קענען באקומען פארשריבענע מעדיצינישע אבארשען מעדיצינען, אפגעזעהן פון זייער זיפ קאָוד.

אין ניו יארק ארבעט איך מיט מיין מאנשאפט מידלאז צו צושטעלן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט העלטקעיר פאר צוגענגליכע פרייזן — אריינרעכענענדיג פאר אבארשען סערוויסעס. אונטער מיין אנווייזונג האט ניו יארק סטעיט'ס העלט דעפארטמענט פארענדיגט רעגולאציעס צו אויסגלייכן די ניו יארקע געזעץ מיט קלינישע סטאנדארטן צו צושטעלן א זיכערע מעדיצינישע ערפארונג פאר פאציענטן פריי פון סטיגמעס. ניו יארקע העלט קעיר פראָווײדערס קענען אפפערן אבארשען טעלע-העלט סערוויסעס אן איבעריגע שטרויכלונגען. מיר האבן צוזאמגעברענגט אן אבארשען צוטריט ארבעט גרופע (Abortion Access Working Group) וואס טרעפט זיך רעגלמעסיג מיט פאציענטן, פראָווײדערס און שתדלנים צו גיבן אנווייזונג פאר סטעיט פאליסי און זיך אפרופן צו די באדערפענישן אויפן שטח. און אין אונזער לעצטנס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט האבן מיר אריינגעשריבן אין געזעץ א פאדערונג פאר העלט אינשורענס פלענער צו דעקן אבארשען סערוויסעס אן מיטיילן די קאסטן מיט אנדערע.

ניו יארק סטעיט איז א בלופרינט פאר וויאזוי פרויען געזונטהייט סערוויסעס, אריינרעכענענדיג אבארשען, קענען געבויט ווערן קאנצעטרירט ארום עכטע מענטשן'ס ערפארונגען און באדערפענישן, נישט פאליטישע רעטאריק. יעצט איז דער צייט פאר אנטשלאסענע און דרייסטע שריט צו פארזיכערן אז אבארשען בלייבט זיכער, לעגאל און צוגענגליך פאר אלע וועלכע דארפן דאס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן